# שבת בלעטל

פרייטאג, יולי 1, 2011 — ערב-שבת פרשת חקת, תשע״א ~ נומ. 2

**ליטעראַטור / נאך דעם ערשטן ״שבת-בלעטל״:**

**פון: י.ל. געבירטיג**

## צום קוואל

א גרופע מלאכים זענען געשטאנען פארנט פונעם ״עדן-האשכולות״, איינס פון די גרעסטע גן-עדן שטיבלעך אויף דעם עולם היצירה. אנגענעמע ווינטן האבן כסדר געבלאזן פונעם מזרח. דער גרעסטער מלאך, שפתיאל, איז געשטאנען אין צענטער פונעם קרייז און געשמועסט מיט די אנדערע. די הויכעביימער פון ״עדן האשכולות״ האבן ארויסגעשטארט פון די גילדענע צוימען וואס האבן ארומגענומען זיין חצר. פון דארט זעצט ארויס א ריח וואס וואלט געקענט א לעבעדיגן מענטש אוועקלייגן אין א רגע פון גרויס זיסקייט. דאס איז וויינסטנס וואס מ׳דערציילט וועגן דעם. דער גאנצער ארום, ווי ווייט ס׳קען דאס אויג נאר זען, איז באדעקט מיט עדלווייס-בלומען, אנעמאנעס, מארגאריטקעס, און אויך אזעלכע רויזן וואס מ׳קען אויף דער וועלט נישט זען. אמאל בייגט זיך א מלאך אראפ, רייסט אויס א בלומעלע, שמעקט דאס אויס, דערפון שעפט עס דאס חיות אויפ׳ן ווייטערדיגן לעבן, דערפון קומען אים אריין ווערטער פון שירה אין מויל, און אזוי ווערט געשאפן א פרישע קייט אין דעם עולם היצירה.

און פון ווייטן... אך, אזעלכע גיגאנטישע פעלזן, באדעקט מיט פארפרוירענער טוי אויף די שפיצן. מ׳זאגט אז פון יענער טוי וועט מען די מתים אויפוועקן פון טויט ווען זייער צייט וועט קומען לעתיד לבוא. פרעגט איר אוודאי וויאזוי די טוי וועט אויפוועקן מתים? אה, דאס קענט איר נאר פרעגן ווילאנג איר האט נעבן דער טוי נישט געטרעטן, ווילאנג איר האט דאס נישט געזען פון דער נאנט. דאס איז נישט א טוי ווי די ערדישע טוי וואס מיר קענען. דאס איז א טוי... א טוי... ווי זאל איך עס אייך ערקלערן? פון דער טוי נעמען די מלאכים די טינט צו שרייבן זייער יצירה. פארשטייט איר דאך פון וואס א טוי ס׳גייט די רייד. די ענערגיע וואס אזא טוי באהאלט אין זיך, פארשטייט איר מיך, קען גאנצע וועלטן איבערראנדערשן בלויז מיט א שמעק. ווען ס׳קומט אמאל א ווינט און פארפירט א שמעק פון אט דער טוי אראפ אונטן, אין דער וועלט אריין, דאן הייבט מיטאמאל אן אלעס צו ציען ארויף, ס׳הייבט אן ברענען און שטורמען. פארשטייען נישט די מענטשן וואס אזוינס האט מיט זיי פאסירט. נאר ווער ס׳איז זוכה אז ס׳לאנדעט דער שמעק דירעקט איבער זיין קאפ, אט דער ווערט פון יענער מינוט פארוואנדלט אין א שטורמישער שיף, עס הייבט אן פון אים גיסן געדאנקען, ער הייבט אן בענקען אן א סוף, א מינוט וויל ער לעבן און א מינוט שטארבן, א מינוט אויסגיין און א מינוט איינגיין. איז קענט איר זיך דאך פארשטעלן פון וואס א טוי מ׳רעדט.

און דארט איז אויך א קוועלכל פארהאן. פון וואנעט דאס קוועלכל שטאמט ווייסט קיינער נישט, דאס איז א סוד וואס נאר גאט ווייסט, אבער בלויז פון די טייכן וואס שאפן זיך פון דעם לאזט זיך זען וואס א מין קוואל דאס איז. איר האט אוודאי שוין געהערט פון דעם נהר היוצא מעדן. איא? די באקאנטע טייך וואס באוואסערט דעם גן-עדן, פון איר פסולת שטאמען אפ די ערדישע טייכן וואס מיר קענען, אזעלכע ווי עפראט, טיגריס, און אפשר אויך דער גאנגעס, דער ניל, מן-הסתם אויך מיסיסיפי. מילא די ערדישע טייכן, איז אבער דער מקור דערפון, דער נהר היוצא מעדן, אזא טייך... וואס טויג דאס רעדן, איר פארשטייט דאך אוודאי אליין אז א טייך וואס באוואסערט דעם גן-עדן מוז זיין הימליש ווייט פון אונזערע באגריפן. נו איז גלייבט איר אוודאי אז אט די וואונדערליכע טייך זאל זיך מוזן ציען פון דעם קוועלכל וועגן וועלכן מיר רעדן. ריכטיג? איז זאג איך אייך אז ניין. אט דאס קוועלכל איז נאך פיל העכער פון דעם. דאס האט שוין קיין שייכות נישט מיט ערד אויף סיי וואס אן אופן, נישט קיין מיסיסיפי, און נישט קיין שמיסיסיפי, נאר הימל אליין. ווי גערעדט שוין ווייסט קיינער נישט דעם מקור פון דעם קוואל, א פאקט וואס גיט צו צו דער גרויסער מיסטעריע און וואונדער ארום דעם קוואל. פארהאן שמועות אז דער קוואל איז געשאפן געווארן דורך געטליכן שווייס כביכול, נאר דאס זענען בלויז שמועות, דעם אמת ווייסט קיינער נישט. קיינער... אויסער גאט אליין.

דאס איינע איז אבער וויכטיג צו וויסן אז די בלומעלעך פון דעם ענדלאזן גארטן ארום דעם עדן-האשכולות, זיי ווערן איינמאל א יאר באנעצט מיט א קליינעם שפריץ פון דעם קוואל, און פון אט דעם שפריץ בליען זיי, פון דעם לעבן זיי א גאנץ יאר, און פון דעם שטאמט זייער גאנצער וואונדערליכער כח וועגן וועלכן איך האב אייך שוין דערציילט. איז קענט איר זיך פארשטעלן וואס א קוואל דאס איז. נאטירליך ציט דאס צו זיך פיל מלאכים, ס׳וויל יעדער בלויז א פינגערל אהין אריינשטעלן, דאן ווייסט ער איז ער פארזיכערט מיט א חיים נצחיים פון ענדלאזער השראה און געטליכקייט. נאר דאס צוקומען אפילו נאנט צו דעם קוואל איז נישט ערלויבט פאר קיין שום מלאך, ניטאמאל דעם גרעסטן. די מלאכים, נאכדעם וואס זיי ענדיגן אפזאגן שירה ווערן זיי ארייגעשליידערט אין דעם נהר-דינור, א גרויסע פייער-טייך וואס געפינט זיך ערגעץ אין אן אנדערן עולם. דאס פאסירט אויטאמאטיש דערפאר וואס דאס חיות גייט זיי אויס אינאיינעם מיט דער שירה, ווערן זיי גלייך פארברענט אין זייער אייגענעם מציאות, נאר ווען זיי וואלטן געקענט צוקומען צו דעם געגארטן קוואל כאטש איינמאל אין לעבן, בלויז א ריר געבן מיט א פליגל, דאן וואלטן זיי פרישע ענערגיע באקומען זיך צו דערהאלטן אין אייביגקייט, און טאקע דווקא אויף דעם כח פון שירה. אט דאס איז דער וואונדערליכער פאראדאקס פון שמים, דאס וואס מיר קענען אלץ אש-ומים — כל זמן מ׳האט דאס וואסער נישט באריררט וועט מען אויסגיין פון געטליכקייט אינעם הייליגן פייער, און אז מ׳האט דאס וואסער באריררט, וואס טרייבט נאך די הייליגקייט פיל ווייטער און העכער, דאן באקומט זיך גאר א ניי לעבן, א פרישע ענערגיע. אט דאס איז דער כח פון יצירה. דער כח וואס לאזט דאס הארץ, נישט

בלויז זיין געבונדן צו שאפונגען פון אנדערע, נאר לאזט אליין זיך וואלגערן אין די הימלען פון גלוסטן און לעכצן, און פארשרייבן זיי מיט אייגענע טרערן.

די רואיגקייט אין אט אזא סביבה וואלט געווען אוממעגליך צו באשרייבן. די ווינטן, די ביימער, די בלומען, די בערג, די טוי, אלעס אינאיינעם. מיר קענען בלויז פרואוון צו פאנטאזירן, דער מציאות וועט אבער אימער גיין פיל ווייטער. אזוי האבן זיך עטליכע מלאכים אנגעלענט אויפ׳ן גרויסן הויכן צוים פארנט פון יענעם גרויסן ״עדן״, זייערע שמועסן האבן זיך געצויגן איבער הויכע ענינים וואס געהערן יצירה, דאס קול פונעם רוישיגן קוואל פון ווייט האט אין זיי כסדר ערוועקט דעם דראנג צו וועלן דערגרייכן זיין סוד, צו וועלן זיך טונקען אין דעם, נאר דאס איז שוין דורות לאנג פארבליבן א ווייטע אוטאפיע, א מין אחרית-הימים, וואס מ׳רעדט וועגן דעם אן א סוף, נאר דערגרייכן דאס זעט אויס צו זיין אוממעגליך.

ס׳האט זיך געקענט אויסדאכטן ווי די רואיגקייט וועט זיך ציען אויף אייביג. ווער זאל עס דען קענען שטערן דארט אין הימל? אויף דער וועלט פון אייביגער זיסקייט? יא, ס׳טרעפט זיך אמאל אז מ׳קומט צו לויפן פון אנדערע עולמות און היכלות, דארט וואו ס׳קומען פאר משפטים, עונשים, און נאך אזעלכע זאכן, דארט איז קיינמאל נישט רואיג, שטענדיג אן איבערקערעניש, מענטשן שרייען, מלאכים וויינען, די נישט-גוטע קוויטשען, דארט איז א קללה נאר איינצוטרעטן. איז מאכט זיך טאקע אמאל אז דארט קען מען מיט דער ארבעט נישט נאכקומען, לויפט מען ברענגען הילף פון דעם עולם היצירה. גלוסט זיך אבער קיינעם נישט אוועקצוגיין פון דארט, הייבט זיך אן א ויכוח, א טענה׳ריי, ביז צום סוף מוזן די אריינדרינגער גיין זוכן הילף ערגעץ אנדערש. פון דעם עולם גייט זיך עס נישט ארויס. האט זיך שוין געמאכט אמאל אז א מלאך איז געקומען פון אן אנדער עולם צוליב אזא סיבה, און די טענה׳ריי איז אזוי לאנג אנגעגאנגען, ביז יענער האט אנגעהויבן זיך ארומקוקן איבער דעם וואס ס׳טוט זיך דארט, און וואס מיינט איר? ער האט נישט געקענט מער אפטרעטן פון דארט, ווי די מעשה מיט אונקלוס הגר. מ׳איז געקומען אים זוכן, מ׳האט געסטראשעט אים צו שמייסן, נאר ער איז שוין דארט פארבליבן. ער האט נעבעך טייער באצאלט שפעטער דערפאר, אים איז אבער יעדע שטראף ווערט געווען פאר אט דער הייליגקייט. קיינער פון זיינע דרויסנדיגע פריינט האבן אים נישט פארשטאנען. קיינער... אויסער גאט אליין.

אזעלכע פאלן זענען אבער זייער זעלטן. געוועגליך וועט קיין כח אין דער וועלט נישט שטערן די יצירה׳שע סביבה. דערפאר אז ס׳האט זיך יעצט אריינגעריסן עמיצער, מיט אזעלכע קולות, לויפנדיג מיט א פארסאפעטן אטעם, האט דאס אלעמען גלייך פארגליווערט. ״לאזט אדורך,״ האט יענער געשריגן.

דער עולם מלאכים האט זיך ארומגעקוקט צו זען ווער ס׳שרייט אזוי. געווען איז דאס א יונג מלאכ׳ל, א שיין געוויקסיגער, דאס פנים איז אים געווען בלאס, אין האנט האט ער געהאלטן א בלעטל און האסטיג געפאכעט מיט דעם. ״לאזט מיך אדורך!״ האט ער ווייטער געשריגן, ווי נישט מיט קיין מלאכ׳ישן קול.

״צו וועמען דארפט איר?״ האט ווער אים אפגעשטעלט.

״לאז מיך! איך דארף צו שפתיאל.״

״שפתיאל? ער איז דא. וואס דארפסטו פון אים?״

״וואו איז ער? זאגט מיר וואו.״

דער גרויסער מלאך שפתיאל, אן עלטערער מלאך מיט א פאטריארכאלישער צורה, א שניי-ווייסע בארד און גרויסע גרויע אויגן-ברעמען, האט געהערט דאס שרייען און איז גלייך צו אים צוגעקומען.

״ליבער יונג! דאס בין איך, שפתיאל. וואס ביסטו אזוי פארסאפעט? וואס ברענגסטו מיר?״

״הער״, האט דער יונגער מלאך אנגעהויבן גלייך רעדן, ״ס׳האבן זיך צוזאמגענומען א כאפטע יונגלייט דארט אונטן״, דערביי האט ער געוויזן מיט דער האנט אויף אראפ צו דעם עולם התחתון, ״און...״ דאס רעדן זיינע האט זיך אפגעהאקט.

״און וואס? רעד!״

״זע אליין! זע דאס בלעטל. ליין דאס אפ.״

ער האט איבערגעגעבן דאס בלעטל פאר דעם גרויסן מלאך שפתיאל. ער האט ארויסגענומען די ברילן פון ערגעצוואו און זיי אנגעטון אויף דער נאז, א שטייגער ווי די עלטערע פראפעסארן (דאס איז נאר לסבר את האוזן פארשטייט זיך), און די אויגן זיינע האבן אנגעהויבן לויפן ארויף און אראפ איבערן בלעטל. ער האט אריבערגעמישט א בלאט נאך א בלאט און א גוטמוטיגער שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיין פנים.

״האסט געזען?״ האט דער יונגער מלאך געפרעגט אין דער זעלבער אנגעצויגנקייט ווי פריער.

״יא, איך האב געזען,״ האט שפתיאל געענטפערט. ״פארוואס ביסטו אזוי דערשראקן? זע נאר ווי בלאס דו ביסט.״

דער יונגער מלאך איז אביסל צעמישט געווארן. ער האט זיך אויסגעגליכן, א ווארף געגעבן זיינע שיינע לאנגע לאקן, און אפגעזאגט:

״דאס איז נאר דאס ערשטע בלעטל. ווער ווייסט וואס ס׳וועט נאכקומען.״

״וואס מיינסטו צו זאגן? איך פארשטיי נישט וואס דו ווילסט. רעד קלאר.״

״געערטער שפתיאל,״ האט דער קליינער מלאך געזאגט, ״איך ציטער צי זיי זענען נישט אויפ׳ן וועג אהין... דארט.״ ער האט געוויזן מיטן פינגער אויף יענעם גרויסן קוואל.

א הילכיגער געלעכטער האט זיך ארויסגעריסן ביי דער גרופע מלאכים אינעם קרייז. שפתיאל איז ערנסט געבליבן, געקוקט שטרענג אויף די ארומיגע מלאכים איבער דעם וואס זיי באליידיגן דעם יונגן מלאך וואס האט יעצט אויסגעזען זייער פארלוירן. ער האט ארויפגעלייגט א ליבליכע האנט אויף דער פלייצע פון דעם יונגן מלאך, זיך פארטראכט א מינוט, דערנאך האט ער אים ארומגענומען און געקושט איבערן קאפ.

״נישט געזארגט,״ האט ער ענדליך געזאגט, ״צו דעם קוואל זענען זייער ווייניג צוגעקומען. א מענטש וואס דערלאנגט צו דעם מוז גלייך שטארבן, ער מוז דאן פארוואנדלט ווערן אין א מלאך. ס׳איז כמעט אוממעגליך צו דערגרייכן דאס, כאטש וואס די מעגליכקייטן פאר׳ן מענטש זענען בפירוש גרעסער ווי פאר די מלאכים. אבער דאס...״ האט ער געוויזן דערביי אויפ׳ן בלעטל, ״דאס איז א שפילעכל קעגן דעם וועג וואס שטייט פאר זיי. ווייסטו דען ווי גרויס און לאנג דער וועג איז פון דעם עולם התחתון ביז אהער דא צום קוואל? נע, דערווייל איז זיכער נישטא וואס צו זארגן.״

דער יונגער מלאך האט זיך בארואיגט. ער האט נישט אראפגענומען קיין אויג פון דעם גרויסן מלאך. ער האט זיך געפרייט איבער דער זכייה וואס ער האט געהאט מיט אים זיך דורכצורעדן. נאך א שטילער מינוט האט דער מלאך שפתיאל צוגעענדיגט:

״נאר וואס יא, ווי איך זע פונעם בלעטל זענען זיי אויפ׳ן ריכטיגן וועג. טאקע ווייט ווייט פונעם קוואל, נאר דאך אויפ׳ן וועג. און אט דאס, זאלסטו וויסן, איז שוין אויך א היבשע דערגרייכונג. ווייסט דאך, היינט

צוטאגס, ווען חכמה און שיינקייט איז מער נישט געשעצט, אוועק די צייטן פון מענטשליכער בליאונג אין הימלישע ספערן, ווער רעדט נאך אין אזא סביבה וואו זיי געפינען זיך, אין אט אזא מצב איז מיר דווקא זייער צום הארצן צו אנשטויסן זיך אין אזא בלעטל. איך דאנק דיך דעריבער זייער, דו שיינער יונג. זע צו ברענגען מיר ווייטער בשורות פון אט דער פרישער גרופע.״

מיט די ווערטער האט ער נאכאמאל ארומגענומען דעם יונגן מלאכ׳ל. יענער האט זיך געפילט איבערגליקליך וואס ער האט אזא נאנטקייט אנגעקניפט מיט דעם גרויסן מלאך שפתיאל א דאנק דער בשורה. ער האט זיך ערליך פארנויגט ביים געזעגענען און אין אן אויגנבליק אפגעפלויגן.

## שמועסן / איבער דעם ״חזון איש״ און חיים גראדע, ז״ל:

אח-לצרה:

א נייער בוך איז לעצטנס ארויס איבער דער ביאגראפיע פון דעם ״חזון איש״ ז״ל. בנימין בראון, דער מחבר פון ״החזון איש: הפוסק, המאמין ומנהיג המהפכה החרדית״, אנטשפרעכט אז דאס איז די ערשטע וויסנשאפטליכע ביאגראפיע (לאפוקי ״העגיאגראפיע״) אויף דעם ״חזון איש״. אין רעצענזיעס אויף דעם בוך האב איך געזען אז דארטן ווערט ארומגערעדט איבער דעם שייכות צווישן דעם ״חזון איש״ און דעם שרייבער חיים גראדע ז״ל. אזוי אויך ווערט אין דעם בוך אויסגעשמועסט אן אמונה-קריזיס וואס דער ״חזון איש״ איז אנגעבליך דורך אין זיין יוגנט. עס ווייסט איינער מער אינפארמאציע איבער דעם?




ישראל:

ס׳איז זייער אינטערעסאנט צו דערגיין מער פרטים וועגן דעם, ס׳איז שטארק מעגליך אז דאס איז איבערגעטריבן. דאס אז ער האט געלערנט מיט חיים גראדע ווערט שטענדיג צוגעשריבן צו דער ביאגראפיע פון חיים גראדע, ס׳איז אבער אין דעם טייל פון גראדע׳ס פרומען לעבן - נישט דאס פרייע. דאך איז מיר נישט קלאר אין וואספארא אומשטענדן אים איז אויסגעקומען צו לערנען מיט גראדע, אלץ חברותא? סתם אזוי א חבר? אין ישיבה? אין בית-מדרש? אפשר ווייסט איינער די פרטים?

דאס געפיל פונעם חזון-איש צו דער וועלט, ווי אויך זיין טיפע חכמה און פסיכאלאגיע, לאזט זיך שטארק זען פון פארשידענע שריפטן פונעם חזון-איש. דער וועג וויאזוי ער שילדערט (אינעם ספר ״אמונה וביטחון״) די עקסטאזע פונעם נביא אין זיין נבואה קומט אים ממש ארויס פון הארץ (ער פארגלייכט דאס צו דער מענטשליכער באגייסטערונג פון דער טבע וואס ציט אים צו העכערקייט). איך האב געשטוינט ווען איך האב דאס געזען. ס׳איז לכאורה קיין ספק נישט אז ער האט געקענט די מחשבה פונעם רמב״ם גרינטליך. האט דאס אפשר א שייכות מיט דעם קריזיס אין זיין יוגנט?... איך בין שטארק נייגעריג צו וויסן פרטים. יעדנפאלס, לאזט זיך גלייבן אז זיין עקסטרעמע מיינונג וועגן אגדות חז״ל, אז דער וואס גלייבט נישט זאל זיין אן אפיקורוס, איז געזאגט געווארן לויט דעם מהלך פונעם רמב״ם אז מ׳דארף די סודות פון אמת נישט שטענדיג אנטפלעקן פאר׳ן המון עם. ער האט זיכער געהאט דעם ריכטיגן בליק אין דער אידישער מחשבה און השקפה ווייל ער איז געווען א ריז אין הארץ און מחשבה.

אח-לצרה:

ר׳ יחזקאל אברמסקי האט דאך אויך געהאט שייכות מיט חכמי ישראל, אויב אזוי איז דאך יתכן אז דער שייכות מיט חזו״א איז יא געווען נאכדעם וואס זיין תבשיל האט צוגעברענט.

דואג האדומי:

ר׳ יחזקאל איז געווען נאנט מיט ש״י עגנון. אויך ר׳ משה האלבערשטאם בצעירותו האט פארברענגט מיט עגנון.

פארשטייט זיך אז ר׳ יחזקאל איז נישט אזא חידוש ווייל ער איז געווען א ברייטערער מענטש און נישט אזא פרומער ווי דעם חזון איש.

שמעתי ממקור ראשון, יהודי מעיר ווילנא שהיה ידיד של חיים גראדע, והכיר את החזון איש. הם למדו בבית מדרש בעיר ווילנא שנים רבות. וכבר אז ידעו שחיים גראדע הוא אויפגעקלערטער, רחמנא לישזבן.

לדעתי היה לחזון איש בעצמו סתירות, כי מחד כפי שציינת הוא מגן בתוקף על כל חז״ל, אולם לפעמים ניתן למצוא התקדמות, כגון הקטע בחזון איש על ״מורידין ולא מעלין״ שאין ההלכה תקף בזמננו, כי הסיבה להלכה זו כבר אינו שייכת במציאות. הבריסקער רב צעק על קטע זו ״אוי, רעפארעם״, ואמר, ״נו, זאגן אז במציאות איז די הלכה נישט שייך למעשה, מילא, אבער אז די הלכה איז בכלל מער נישט אקטועל ווייל היינט דארף מען גיין בדרכי נועם, דאס איז רעפארם.״ וכן פסקו של החזון איש שהחילונים הם תינוקות שנשבו, ועוד.

גם היה מגן מאוד על ההלכה שיהיה הלכה ברורה בישראל, ולכן כתב שהמשנה ברורה זה כמו לשכת הגזית, והיה מאוד רוצה שיהיה הנהגה בישראל ושיצייתו לגדולי תורה, ויתכן מאוד שבכך נבין כפי שציינת שלא רצה אנארכיה, ולכן הגן בתוקף על המסורה, אולם בלבו פנימה הבין יותר ולכן היה יכול לאהוב ולהעריץ אנשים כר׳ גדליה נדל, כי כל זמן שאין זה סכנה לדעת תורה ולהנהגת כלל ישראל הוא היה רחב אופקים.

## רעאקציע / באמערקונגען און הוספות:

**[״א מוצאי שבת ביי יצחק׳ן״, נומ. 1]**

יצחק:

איך האב געהאט עלית נשמה / ווען דו האסט מיט קפריסינדיקע רייד,/ דערהויבן און צעגליט / מיין עלענד געמיט / מיין גוף, דעם שטיק חושך ואפילה / ווי פארן שבירת הכלי / דו, גאט-געבענטשער שרייבער, פילאזאף: / שענקסט מיר חיות און מוט / איפיניטי! / אן א סוף.

****

אח-לצרה:

אויף דער אנפראגע פון לייענער איבער געוויסע קאנצעפטן וואס איך האב דערמאנט:

**דער גוטער זאָראָאַסטריאַנער גאָט:**

אין דעם ארטיקל האב איך געשילדערט ווי די השגחה האט געוואלט אוועקפירן יצחק׳ן פון מאנסי אבער דער גוטער זאָראָאַסטריאַנער גאט האט דאס געשטערט, און געזען אז יצחק זאל בלייבן אין מאנסי. דאס זעט דאך אויס ווי א קאנפליקט אין די העכערע כוחות בין טוב לרע, וואס איז לכאורה א סתירה צו אידישקייט וואס אנערקענט בלויז איין אומענדליך-גוטער גאט.

דעריבער, כדי צו קענען אוועקפירן דעם קאנפליקט אין די העכערע גאלאקסיעס, האב איך עס געדארפט באזירן אויף זאראאסטריאניזם, א רעליגיע און פילאזאפיע באזירט אויף דער טעאלאגיע פון דעם נביא זאָראָאַסטער, לויט וועלכער דער באשאפער פון דער וועלט הייסט אַהורא מאַזדאַ, וועלכער איז גענצליך גוט, ומאתו לא תצא הרעות, אבער לעומת זה איז פאראן דער שלעכטער גאט, דער שטן, אַנגראַ מעיניו, פון וועמען אלע שלעכטס קומט ארויס.

**בורידאַנ׳ס אייזל:**

בורידאנ׳ס אייזל אילוסטרירט א פאראדאקס אין דער פילאזאפיע פון ״בחירה״. די שאלה איז אזוי: אויב אן אייזל איז פונקט אזוי הונגעריג ווי דארשטיג, און עטליכע פיס אוועק אויף זיין רעכטער זייט ליגט א שיסל עסן, און פונקט אזוי ווייט אויף דער לינקער זייט ליגט א שיסל וואסער. וויבאלד ביידע שיסלען זענען פונקט אזוי ווייט, און וויבאלד ער איז פונקט אזוי הונגעריג ווי דארשטיג, וועט דער אייזל שטארבן פון הונגער, וויבאלד ער וועט נישט קענען מאכן א ראציאנעלער באשלוס וועלכער אויסצואוועלן, און וועט דעריבער גארנישט וועלן.

דער דאזיגער פאראדאקס ווערט שוין אויסגעשמועסט דורך פריערדיגע פילאזאפן, אזוי ווי אריסטו, אבער עס ווערט גערופן אויף דעם נאמען פון שאן בורידאן, א פראנצויזישער פילאזאף פון דעם פערצנטן יאר-הונדערט.

מיין רעפערענץ צו בורידאנ׳ס אייזל איז אן אנדייטונג אויף דער דילעמא אין וועלכער איך האב זיך געפינען ווײַלנדיג אין יצחק׳ס ביבליאטעק. ווי געשילדערט, בין איך געווען ארומגענומען מיט הונדערטער ביכער, כולם אהובים כולם ברורים, גרויסע און הייליגע ווערק. נאכ׳ן ווערן איבערגענומען פון דעם ריח פון חכמה, און איבערגעפילט מיט רוישנדע געפילן איבער דאס חשיבות פון יעדן ביכל באזונדער, בין איך פשוט פארוואנדלט געווארן אין בורידאנ׳ס אייזל, נישט קענענדיג אויסוועלן אפילו איין ביכל...

**״אַ קאָמבינאַציע פון גראָזיגע שטריכן מיט אַ שאַרפן גערוך פון אַסיד און אַן אָנצוהערעניש פון וואַניל איבער אַן אונטערליגנדער פייכטקייט״:**

די דאזיגע שילדערונג פון דעם ריח פון אלטע ביכער קומט פון מאטידזשא סטרליק, א כעמיסט אין אוניווערסיטעט קאלעדזש לאנדאן, וועלכער האט שטודירט דעם גערוך, און האט עס געשילדערט אזוי:

“A combination of grassy notes with a tang of acids and a hint of vanilla over an underlying mustiness.”

## פאעזיע / ביכער:

פון: ישראל (געבירטיג)

די ביכער רופן און ווינקען,
מיר בענקען נאך דיין גלעט,
וואס ביסטו אזוי פארזונקען?
קוים דו הערסט אונזער געבעט.

די קליינינקע מילבעלעך דארט
קוקן מיט זארג ארויס פון הויז,
ווילסטו נישט לייענען א גוט ווארט?
א שיינעם געדאנק בארג אויס.

ווי שיין וועט דיך אויפנעמען
דער ריח פון אונזערע קערפערלעך,
פאר דיר נישטא זיך צו שעמען,
פארליבטער אין די בלעטעלעך.

זע נאר ווי סאך ברעקעלעך
מיר האבן דיר אוועקגעשטעלט,
שיריים פון אונזערע געזונדעלעך,
האט עס אלע טעמים אין דער וועלט.

אוי! וואס איז דיר פונקט יעצט?
מיט א פעדער זיצסט פארטראכט,
לאזט אונז אזוי אליין פארלעצט,
מיר האבן מורא זיין אליין ביינאכט.

נישט זארגן קליינע ברואים׳לעך
קען דען ווער אין אייך פארגעסן?
דאס שרייב איך נאר לידעלעך,
וועגן אייך און אייער זיסן ועזן.

ווי קליין איר זייט, ליב און זיס,
מוזט איר דאך קלוג זיין געוויס,
טאג און נאכט צווישן די אלף-בית,
וואס איר ווייסט אלץ, ווער ווייסט...

״שבת בלעטל״, געווידמעט ליטעראטור און מחשבה, ווערט ארויסגעגעבן דורך א גרופע חסידים. די בלעטער קענען ווערן אראפגעלאדנט אויף: ShabbosBlettel.wordpress.com.
מאמרים ווערן אנגענומען אין אידיש, לשה״ק-עברית, און ענגליש. זיך צו פארבינדן, שרייבט צו: ShabbosBlettel@gmail.com.